STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01815

BRENENDIK SHTETL

Menke Katz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מעינקע קאַץ

ברענענדיק שטעטל

פאַרלאַג „סיגנאַל״ באַם פראָלעטפען

ניו־יאָרק, 1938.

Copyright by
MENKE KATZ
64 Jefferson St., Passaic, N. J.
1 9 3 8

פון דעם זעלביקן מעכאַבער:
דריי שוועסטער — 1932;
דער מענטש אין טאָגן — 1935;
ברענענדיק שטעטל, בוך, 1, 1938.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON Press, 19 W. 21 St., New York City
255

כרך II

מיין אָרימע, ליטווישע ערד —
פון סווינציאַן, מיכאַלישעק און סווינציאַנקע,
מיט לידער פון בעטלער, ציגיינער און פייגל,
איז קיין מאַרצעפּאַנעס קיינמאָל ניט געווען באַשערט.

די זאַפּטיקסטע סעדער,
האָבן ניט געשיקערט מיט וויינטרויבן.
דער באָב, די ציבעלעס און דער האָבער,
האָבן ניט געהאַט פּאַרוואָס גאָט צו לויבן.

„מענדעלעס קליאַטשע" אין בלאָטע געזונקען,
האָט דאָ געשלעפּט די דערטרונקענע רעדער
און מיט אַ צעבייטשטער פעל געהונקען —
דורך פּאַסיקעס אויסגעהאַקטע, דורך שיטערע פעלדער;
איר האָט געגריסט:
ווען-ניט-ווען,
אַ פלעדערמויז אין איינזאַמען פליען —
און די פּאַסטנדיקע וויסט,
מיט ווילדע שוועמלעך אין גיפטיקן בליען.

ברענענדיק שטעטל

דער פֿאָריִץ פֿלעגט זויגן
מיט מאַריאַס בראָכע דעם קליאַק פֿון איוואַנען;
און דער גוויר אין מיזרעך,
מיטן הינער־קאַרק אין זיידענעם טאַלעס,
האָט מיט גאָט אָפּן אויג זיך פֿאַרשטאַנען:
אין זיינע בענטשנדיקע הענט,
האָבן זיך געצאַפּלט —
„מענאַכעם־מענדלס" האַרץ און „שיינע־שיינדלס" דאַלעס.

דער ווינטער אין די כאַטעס איז געשטאַנען,
אַזאַ טשאַדנדיק־גרויער.
באַנאַכט פֿלעגן שרעקן צעצונדענע אויגן —
פֿון וועלף, פֿון רוכעס און וואַלד־רויבער.

דער בולבענער פּויער,
פֿלעגט נאָר לעקאָוועד יעזוסן אַ כאַזער זיך בראָטן
און זעלטן ווען זינגען —
כויץ אַף די טרויעריקע סטעזשקעס צום מאָהילניק,
ווען צו גאָט פֿלעגט ער אַ באַרמענען טראָגן
און ס'האָט דער קלויסטער־גלאָק דעם טויט צעקלונגען.

דער זומער געווען איז געראָטן —
מיט קנאָבל, מיט אויפּעס, מיט מאָגערן קאָרן.
דורך די באַגינענס פלעגן זיך ציען:
אומעטיקע פּי — צום פּאַסטוכס פריילעכן האָרן.

די רייכעס פון סעטשקע און פון היי,
האָבן פאַרוויגט דעם טאָג אין שייער.
געשמעקט האָבן קוסטעס: מיט בינען און האָניק,
מיט יאַגדעס, מיט פּאָזימקעס און כאַזער-ניסלעך.

דער גרויסער אָנגעהייצטער אויוון,
ווי אין זונאויפגאַנג — אַ פאַררויכערט געסל,
געבאַקן האָט מעליקע בולבעס באַם ערשטן האָן-געקריי
און ס'האָט די קאָטשערע מיט אייזערנער האַנט געשאַרט,
ווי צילינדערס פון ריזן — טעפּ מיט געשמאַקער קאַשע.

אַף יעדן פּויער —
האָט דאָס פעלד, די זון און דער לאַנגער טאָג געוואַרט.
געווען איז דאַן קויעך פאַר ביטערער פּראַצע.
ס'האָט דער אַקער זיך געכאַוועט מיטן פערד —
און דער סערפּ — מיטן קוזניע-פּייער.

ברענענדיק שטעטל

דער טשאַלנטדיקער רו — צעמעסערט האָט די שווערד.
שטורעמס האָבן די נעכט אויסגעקערט,
איז ניטאָ קיין נאַכט.
סרייפעס האָבן די טעג פאַרברענט,
איז ניטאָ קיין טאָג.
די זון פינצטערט אַף האָלאָוועשקע-ווענט.

מיין אָרימע, ליטווישע ערד —
פון סווינציאַן, מיכאַלישעק און סווינציאַנקע,
איז ניט מיט קאָרן, ניט מיט בולבעס פאַרזייט,
נאָר מיט קראָפּיווע, מיט פּאַדלע און מיט ווערים —
אַ זון אַ קראַנקע,
טריקנט די טויטע געהערים,
פון קינדער, פון זעלנער און פון פערד.

מיין אָרימע, ליטווישע ערד —
געמינעט מיט פעך און מיט שוועבל,
איז ניט ווערט: קיין קעפל קרויט,
קיין לעבל ראָזעוון ברויט.

צעזייט

ברענענדיק שטעטל

און ס'האָט די נויט —
פון באַדאַנען די קינדער צוגענומען
און פון סווינציאַן — אַף בלודנע וועגן זיי פאַרטראָגן;
אַליין דורך איימעדיקע נעכט
הערט זי,
בײַ איר יעדן קינד — הונגעריקע וועלף ברומען.
זי טוליעט יעסינקען אין שלאָף
און פון קראַנקע כאַלוימעס רעדט:
— אוי, נאָך וועמען, נאָך וועמען זאָל איך פריער קלאָגן.

געוואָגלט האָבן באַדאַנעס קינדער,
אַף וועגן באַזונדערע — וועגן פאַרלאָרענע,
דורך נעכט שטערנדיקע און דורך נעכט בלינדע.
געוואָגלט האָבן באַדאַנעס קינדער —
דורך עכאָס פון רעוועדיקן שרויט,
דורך ווייטע יאָמערן פון צעפליקטע זעלנער.
געזוכט האָט יעדער אַ מאַזל אַן אָנגעוואָרענעם:
ברויט, ברויט, ב—ר—ו—י—ט!

צ ע ז י י ט

דורך באַדאַנען,
קאָרטשען זיך די גלייכע טעג פון אַפּריל.
זי באַהאַלט אונטער דער הויט — יעדן נאָמען
פון אירע קינדער די צעזייטע:
עליציק, בערקע, מענטקע, בלומקע.
די פּוסטע שטוב איז פול מיט זייער ניט-זיין.
אָן זיי דערמאָנען,
אין וואַזאָן — די ניט-באַגאָסענע בלומען.
זייערע פּוס-טריט — אין פאַרשטויבטן הויף,
האָט נאָך דער רעגן ניט פאַרשוווענקט.
די אַלטע קאַץ, איז אַף דער העכסטער פּאָליצע אַרויף —
ווי זי וואָלט, אַף די פאַרלאָזטע געפעס, שיווע שוין געזעסן.

ברענענדיק שטעטל

אין דער פרילינגדיקער לופט פון גרויען הויז,
פייפט די ליידיקייט א נאָגנדיקן בענקען.
אונטער די קאַלדרעס פון די ניט-פאַרבעטע בעטן,
טליעט נאָך די ווארעמקייט פון אירע וואָגלענדיקע קינדער.
איצט הערט באַדאַנע —
זיי טרעטן ערגעץ דורך דערפעלער וויסטע
און זוכן אין אינגעווייד פון דער ביינערדיקער ערד,
פאַרגאַנוועטע מערעלער און איבערגעזעסענע בולבעס:
אויצרעס פון פרייליכע אקערס באַהאַלטן.

דורך די פאַרטקעס און אין אָפענעם פירהויז,
פלאַפלען נאָך ווינטעלער אוים —
די פאַרשטומטע, קינדערישע רייד.
יעדער ווינקל — אלט און מיד,
האָרכט צו דער גאַס אַרוים,
ווי עס זינגט דער אָוונט זיין שיידונג-ליד.

נאָר יעיסקע האָט מיט דעם אומעט זיך געפרייט,
ווייל וואָס טויגן אים ברידער און אַ שוועסטער —
וואָס האָבן שוין קיין טרערן ניט צו וויינען;
וואָס קערן איבער פאַר שרעק די אויגן,
באַ יעדן סקריפּ פון טיר
און מיינען
אַז פון אַלע לעבנס איז דער טויט דער בעסטער.

יעיסקע מיט אַ בויך פון וואַסער אָנגעשוואָלן,
מיט באָרוועסע פיס ווי שיכעלעך צעדרייטע,
קוקט דאַר און דאָרנדיק —
ווי ס'וואָלטן די ניט־פאַרזייטע פעלדער אים געבאָרן.

זיינע בלויע אויגן,
האָבן קיינמאָל קיין סנאָפּעס ניט געזען;
די בייזע ליפּן,
קיינמאָל קיין מילך ניט געזויגן.

מעכטיק ווי זיין הילצערן ביקסל,
לויפט ער בראָוו אין ליידיקן שטוב
און מאָלט זיך אַ גיבער אַף אַ צעגריוועטן פערד —
אַף די עלנטע וועגט שפּרינגט זיין דינינקער שאָטן.
ער וואַרפט ווי אַ העלד די שטולן און די בענקלעך אום
און שפּאַנט איבערן דיל,
ווי דורך הארוגים אַף אַ שלאַכטפעלד.
ער הערט —
די בענקלעך ווי פאַרוואונדעטע זעלנער,
בעטן אים אונטערטעניק:
העלף אונדז, אָ יעיסינקע, אָ זיגער,
נאָר יעיסקע מיט ביקס אַף שטאַרבנדיקע קעפּ,
פּאַטשט לעצטע קלעפּ —
ס'פּאַסט ניט קיין ראַכמאָנעס פאַר אַ קריגער.

נאַכט.
דאָס ליכטל אָטעמט אויס די לעצטע טראָפּנס.
באַדאַנע וואַכט באַ זיין צוקאָפּנס:
— אונטער יעיסקעס וויגעלע,
איז ניטאָ קיין ציגעלע.

— ווייל די וואָר קען איר אומגליק נאָר טיילן,
גלויב דעם ליגן אין דיין שלאָף:
אַמאָל האָט אַ קלוגע שאָף,
אַ פאַרבלאָנדזשעטן פאַסטוך געטראָפן —
און אויב דו וועסט גיך אַזוי איינשלאָפן,
וועט די מאַיסע אליין זיך דערציילן,
אין דיין גלעטנדיקן שלאָף.

— אַז דו שלאָפסט שוין טיף אַזוי און ווייט,
ביסטו מיט דעם צויבער און איך מיט דער וואָר;
אין מיין וואָר — דיין טויטע מאַמע שרייט,
אין דיין צויבער — זיינען פליגלען אירע האָר.

— דיין מאַמע אויבנאָן אין גאַנעידן,
איז שוין פון פליען אַוואַדע מיד —
זי וואָלט מיט די מאַלאָכים זיך שיידן
און זינגען דיר אַ געהענעם-ליד:

„ווען דו ביסט אַף דער וועלט געקומען,
האָט מיין בלוט — דיין מאַזל פאַרגאָסן,
האָבן שטורעמס באַ מיין זייט גערוט.
אַף פלויטן געזעסן זיינען זאַטע ראָבן.
האַרמאַטן האָבן דעם אומעט פון שטעטעלעך צעשאָסן.
געבראַכט האָט דער פרילינג דיין מאַמען בלומען״.

— דיין מאַמע אויבנאָן אין גאַנעידן,
איז שוין פון פליען אַוואַדע מיד.
זי וואָלט מיט די מאַלאָכים זיך שיידן
און זינגען דיר אַ געהענעם־ליד:

„אונטער יעיסקעס וויגעלע,
איז ניטאָ קיין ציגעלע —
דיך פאַרוויגן
דערשאָסענע — מיט כאַרכלענדיק געזאַנג.
דיך טוליען טול־טול־טול,
דיך טוליען די פלאַמען פון קריג.
איז ווי זאָל באַדאַנע,
דיך צערטלען מיט פאַרבראָכענע הענט?
איז ווי זאָל באַדאַנע,
דיך האָדעווען — אין אַ פייער־וויג?"

מענטקע און בלומקע

ברענענדיק שטעטל

מענטקע האָט אַ וועגעלע מיט קישנס אָנגעלאָדן
און אַליין פֿאַר אַ פֿערדל זיך איינגעשפּאַנט;
בלומקען באַ דער זייט — פֿאַר מאַזל־בראָכע,
געפֿירט האָט ער באַ דער דינינקער האַנט.

דורך פֿאַרבאַרגענע סטעזשקעס, דורך קראַנדיקע פֿעלדער
האָבן די צוויי בלאָנדזשענדיקע קינדער,
מיט דעם וועגעלע קישנס געמאָסטן די ווייטן —
עפּשער וועט ווער,
אַ פֿענעצל ברויט אַף אַ קישן בייטן.

מענטקע האָט געמיינט,
בלומקע וועט דעם וועגעלע העלפֿן שטופּן —
נאָר ווען מענטקע האָט געוויינט,
האָט זי אים געהאָלפֿן כליפּען.

דאָס וועגעלע סאָפּעט שווער,
דורך דעם קריצנדיקן זאַמד פון באַרג־אַרויף.
מענטקע און בלומקע היטן,
ווי טיף אין אָוונטדיקן טאָל,
מיניעט זיך סווינציאַן אין אַלע פאַרבן פון פאַרגיין.
דער זונפאַרגאַנג האָט דאָס שטעטל אין אַ גילדענעם טרוים געביטן.
דער אַפּריל דרעמלט אַף די צעשאָסענע דעכער.
אין זייער מאַמעס שטוב, מיט ווענט ווי פון טהאָרע־ברעטער,
איז אַן אויסגעפּוצטער דער טויט איצט פאַראַן.

בלומקע שרייט:
דער באַרג איז הויך, דעם הימל אַזש צו גרייכן.
מענטקע דערציילט איר,
אַז אויג־מעלעך־האַבאַשן געווען איז נאָך העכער.
אַנטקעגן זיי, ברענט דער טאָג אין מאַירעוו —
ווי ער וואָלט זיין אייגן פייער, פאַר אַ מאַלעך־האַמאָוועס
אויסדערוויילט.

דער פאַרנאַכט איז מיט זיי געגאַנגען —
דורך זומפּיקע לאָנקעס,
פּאַזע קוואַקענדיקע סאַזשלקעס
און פּלוצלונג די קינדער געוויזן:
אַ איד אויף אַ בוים איז אויף זיינע טפילין געהאַנגען,
זיינע הענט געקרייציקט אין אַ ציילעם האָבן שפּיזן.
לעם אים,
דרייט דער ווינט שטיקלעך בלעטער פון אַ צעפּליקטן סידער,
און אין אַ כומעש —
וויקן זיך אין בלוט די ניסים פון מוישע־ראַביינו.

בלומקע יאָמערט מיט אַלע גלידער —
צו דער גויסעסדיקער זון:
— הירשע־לייב טאַרשיש, הירשע־לייב טאַרשיש,
דער אונטער־שאַמעש פון כסידישן מיניען.

הירשע־לייב טאַרשיש אויפן בוים,
וויגט זיך אין אַ טפילעדיק געבעט
ווי אַמאָל —
ווען דורך די לאַנגע, רעגנדיקע נעכט,
פלעגט ער אויף די צעווייקטע קוואָרים זיצן,
מיט בראָכעס פאַריאָגן אַלע דונערן און בליצן
און שיידימדיק מורמלען:
— אוי, גאָט,
דו זיי מער האַר און איך מער קנעכט.

מענטקע האָט די ענגענדיקע פּוס-פינגער געגלעט
און לאַנג געקושט די געשענדטע טפילן:
— הירשע-לייב טאַרשיש, הירשע-לייב טאַרשיש,
ווער וועט דעם היצלם הינט איצטער בענטשן,
ווען אין טויטנבודע וועלן זיי פאַרגיין —
אין אַ לעצטן, טרויעריקן בילן?

— ווער וועט אין סווינציאַן — ציילן יעדן שטיין
און ווי דו,
דורך ביינערדיקע פינגער, הויפנס זעמדעלעך שיטן
און זאָגן:
וויפל זעמדעלעך אַזויפיל אומגליקן אַף מענטשן.

— ווער וועט אין עלול,
מיט די ערשטע, קאַלטע ווינטן זיך קריגן
און פאַרשיקערן דעם דאַרן גוף —
מיט טפילעס, ווי מיט געשמאַקע וויינען.

— ווער וועט ווי דו פאַרשטיין,
די ווידעס וואָס עס זשומען אוים — סאַפּזומער פליגן;
ווען די מאַכיקע שולהויף שטיבער,
אין גאָלד פון אָסיען שיינען.

— הירשע-לייב טאַרשיש, הירשע-לייב טאַרשיש,
ווען ס'וואָלט דער הונגער ווי אַ וואָרעם —
דורך די ביינער ניט געקראָכן,
וואָלט איך אין אַ רעגע דעם שטאַרקן בוים צעבראָכן
און אין מיין וועגעלע קישנס — ווייך דיך אויסגעבעט;
וואָלט איך צוריק — אין סווינציאַן מיט דיר געלאָפן,
דיך לייטערן אַף דער טהאָרע-ברעט
און צווישן די שענסטע קוואָרים —
דיך רואיק לייגן שלאָפן.

דער פאַרנאַכט האָט הירשע־לייבן — אין פייער אַ שטיק געביטן.
אין זיין טויטער באָרד,
האָבן ווינטעלעך געשמעקט מיט אַפּריל־צוויטן.
דער טליע־בוים,
האָט מיט אַלע בלעטער — אַ דופּטיקן שטויב געקערט
און ס׳האָט הירשע־לייב פון בוים,
ווי אַ סטראַשידלע, די פייגעלעך פאַריאָגט.

אין שפּעט פון שטילן אָוונט,
האָבן מענטקע און בלומקע געקלאָגט,
און ס׳האָבן די זשאַבעס — אין ווייטע סאַזשלקעס געהערט:
הירשע־לייב טאַרשיש, הירשע־לייב טאַרשיש,
דער אונטער־שאַמעש פון כסידישן מיניען.

מענטקע און בלומקע

מענטקע היט,
ווי פיינלעך ס׳איז די זון מיט הירשע־לייבן זיך שיידן
און דערזעט — אונטערן באַרג:
מוישע־ראַביינו — אין אַ הויז,
מיט פענצטער פון מלאָכים, אָנשטאָט שויבן;
מענטקע רופט אים,
ווי מיט די פינגער פון אַן אויסגעקלערטער האַנט:
— קום, מוישע־ראַביינו, אוי, קום.

און פון פאַרזשאַווערטע לוכעס,
גייט מוישע־ראַביינו ווי אַ פּאַס זונפאַרגאַנג אַרויס,
מיט אויגן —
פאַרבלאָנדזשעטע פונקען פון באַרג־סינאַי בליצן;
ער גייט לעם אָפּגרונטן פון שוועבל און פון שטיין
און פירט זיין פאָלק אין קריע־קליידער אָנגעטאָן.
צוויי טויזנט הארבסטן שוועבן גיך פאַרביי
און האַלטן
פון גאָר די וויאַלע בלעטער — אַן ענדלאָזע אוואַלים־פאַן;
איבער אַלץ — פאַרציייטיקע נעכט,
עפענען אַלע שליוזן פון פינצטערניש און געוויין.

שפעטער אָוונט.
איבער מענטשן וויגט זיך מוישע־ראַביינו,
מיט אַ גוף פון נאַכט און אַ קאָפּ פון צאַנקענדיקער זון:
— זאָג אַצינד,
וואָס דו ווילסט מיין קינד.

— אוי, מוישע־ראַביינו,
מיט דעם טאָג וויל איך איצטער שטאַרבן,
אין זיין פייער אַנטשלאָפן ווערן,
נאָר אויפוועקן זאָלסטו מיך ווידער,
אין הונדערט יאָר אַרום,
ווען זיין וועלן פון שטערן מיינע גלידער
און מיין מויל — פון הונדערט יאָר שוויגן שטום;
אויפוועקן זאָלסטו מיך ווידער,
ווען מיין לעצטן ביין, וועט די מיל פון צייט נאָך מאָלן,
ווען מיט די האַלב־פאַרמעקטע אויסיעס אַף מיין מאַצייווע,
וועל איך זינגען אין אַ שטומען כאָר —
די לעגענדע פון פאַרגאַנגענע הונדערט יאָר.

— אוי, מוישע־ראַביינו,
די יאָרן וואָס גאָט איז מיר שולדיק,
אין איינציקע טעג צענעם;
איין טאָג ביז דעם צווייטן,
האַלט הונדערט יאָר אין קלעם.
אַמאָל אין אַ שטורעם און אַמאָל אין אומרואיקן פייער,
וועל איך וואַרטן געדולדיק,
פון איין יאָרהונדערט ביז דעם צווייטן;
נאָר ווען פון מיינע זיבעציק יאָר,
וועט מיין לעצטער טאָג — צום לעצטן טויט זיך גרייטן,
זאָל איך אין אייביקייט פאַרשווינדן
און מיט מיין פאַרשווינדן —
פאַרשטומען זאָל פון מענטש און כאַיע דאָס געוויין.

אנטקעגן מענטקען — שרייבט מוישע־ראַביינו,
מיט טראָפּנס זון, אַף אַ שוואַרצן צעטל :
— יע, מיין קינד,
דיינע זיבעציק יאָר,
וועט גאָט ווי דו באַגערסט צעטיילן.

— אַז דו שטאַרבסט אַצינד,
מיין מענטקע — אַן עלף־יעריק קינד,
וועט גאָט פון דיין פרי־פאַרשניטן לעבן,
יעדן יאָרהונדערט — אַ טאָג אַן איינציקן דיר געבן.

— ווען אין דיין קייווער, וועסטו אַ טאָג אַזאַ געפינען,
וועלן דיינע גלידער די פאַרבליבענע זיך רירן —
דערוואַכטע שטראַלן פון אַ לאַנג־פאַרלאָשענעם באַגינען.
אַזוי יעדן יאָרהונדערט וועסטו אויפשטיין,
אין דיין שטעטעלע סווינציאַן —
קעדעי מיט דעם ערשטן זונפאַרגאַנג צו פאַרגיין.

— ווען אַף אַ באַרג פון יאָרטויזנטן וועסטו שטיין,
וועט אַ נייער באַרג דיך טרעטן און צעטרעטן ;
פון לעצטן יאָרהונדערט, דיין לעצטער זונפאַרגאַנג,
וועט אויספינקלען — אין פאַלנדיקן גאַנג :
די אייביקייט אַליין — וועט אויך פאַרגיין.

די זון און מענטקע שרומפן איין
און איילן ערגעץ אַזוי־גיך — אַזוי־גיך.
אַ רעגע איז ביידן געבליבן.
די זון — אַ וואונד פון טויזנט יאָרטויזנט געשפונען.
מענטקע שעפּטשעט אַזוי שטיל — אַזוי שטיל,
נאָר מוישע־ראַביינו זאָל אים הערן:
בלומקע פון זיינע גוטע רייד דרעמלט —
ער האַלדזט דעם טויט ווי אַ פריינט אַ ליבן.

מענטקע שעפּטשעט
און ער מיינט
זיין קאָל מיט אוראַלטער קראַפט שלאָגט,
זיין קאָל
מיט דונערדיקן געברום — אומעטום זיך טראָגט:
אַז איך מענטקע וועל שטאַרבן,
ווען דער טויט אַליין שטאַרבן —
מוז איך מיט יעדן ווינט,
איילן אַצינד,
צו זיין — אין לאַנד פון ניט־זיין דער קעניג.

מענטקע שעפּטשעט
און ער מיינט
אים הערן — די זון, דער מענטש און דער וואָרים;
די ערד, דער הימל און הירשע־לייב טאַרשיש
וואָס רירט זיך קוים,
קעגנאיבער — אַפן טליע־בוים,
ווי ער וואָלט אַזוי פּאַמעלעך קיין סווינציאַן זיך שאַרן.

בלומקע כאַפּט זיך אויף פון לאַנגן דרימל
און זעט:
מענטקע — אַ סקעלעט־שטעקן,
מיט אויגן — צוויי זונפאַרגאַנג־פלעקן,
זיין וועג צום קיווער טאַפּט.
זי טוליעט זיך צו אים — אַ פעקעלע שרעק:
— מענטקע! מענטקע!
ניט גיי, ניט גיי פון מיר אַוועק.
איבער זיי,
דער אָוונט — אַ פאַרכאַלעשטער שמעטערלינג,
מיט אַן איינציקן פליגל נאָך קלאַפּט.

באַם אָנקום פון נאַכט,
האָט מענטקע געזען,
ווי מוישע־ראַביינו —
האָט אין די לוכעס זיך ווידער באַהאַלטן;
האָט מענטקע דערזען,
אַז נאָר מיט בלומקען, מיט דעם הונגער
און מיט אַן עלנט וועגעלע קישנס איז ער געבליבן.

אָרום: שטערן און ווייטע קאַנאַנען־גוואַלדן,
האָבן סטאַיעס פייגל אין צעשראָקענע קרייזן געטריבן.

ב ר ע נ ע נ ד י ק ש ט ע ט ל

וואָלקנס פאַרציען די פרילינגדיקע שטערן
און לאָדן זיך אָן אין די הויכן, שווערער און שווערער,
ווי זיי וואָלטן זיך קלייבן די אייגענע גוואורע צעשטערן.
וואָלקנס צעפּלאַצן אין דוירעם געוויין
און צעטרייסלען די קינדישע ביינער אונטערן הויט.

מענטקע האַלט בלומקען,
אין די צעווייקטע קישנס באַהאַלטן.
זיי בלייבן — אַליין
מיט רעגן, מיט ווינט — מיט טויט,
מיט פאַרשוואונדענע מוישע־ראַביינו געשטאַלטן.

ס׳דאַרף דער רעגן ניט קיין בעט,
ס׳דאַרף דער ווינט ניט קיין רו,
נאָר מענטקע — מיט בלומקען אין וועגעלע, שטייט צו.
דורך זיינע אָפענע לאַטעס רינען
אין ריטשקעלעך — די ווייטע וואָלקנס.
דורך זיין יעדן גליד ווינט די פרעמד.

מענטקע פאַרנעמט,
פון די פאַרוואָגלטע וועגן אַ געבעט:
אוי, גאָט,
פאַרוואָס האָסטו אונדז אַזוי פאַרשאָלטן,
אַז קיין וואַנדערערס טריט,
זאָל אין אונדז קיין רו ניט געפינען.

און ס׳האָבן די קינדער צו דער מידקייט געבונדן,
אין בלינדן וועג זיך געלייגט —
אַ רעגנדיקע האַנט האָט די דינינקע לייבער געשוונדן;
און ס׳האָבן די קינדער ווי צו אַ קראַפט וואָס היילט,
דער בייזער נאַכט זיך אָפגעגעבן
און לאַנג געהערט ווי דער רעגן,
מיט ביטערע טרערן דערציילט:
אַז ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט — וואוינט דאָס לעבן.

אין אַ פֿאַרטאָג האָבן די קינדער אַהיים זיך געשלעפּט —
אָן קישנס, אָן ברויט און אָן מוישע־ראַביינון.
דער שלאָף האָט צו די וויעס זיך געקלעפּט
און ס'האָבן קרומע ווערלדלעך ווי אין אַ טאַנץ זיך געדרייט:
מיט מענטשן צעטראָטענע,
מיט מענטשן פֿאַרשאָטענע,
לעבעדיקערהייט.

די נאַכט איז ווי פֿון אַ סרייפֿע געלאָפֿן
און ס'האָט דער טאָג זי נאָכגעיאָגט.
דער פֿאַרטאָג האָט שורקען, דעם רוס, דאָ געטראָפֿן —
וואַך איבער דעם דינסטן וואָרט־געדויש.

די מאַיאיקע נאַכט האָט שורקען פֿון פֿיינט פֿאַרבאָרגן.
איצט —
זיצט ער אַף אַ בוים:
אַ פֿויגל פֿון אַ ניט־געשטייגן כאָלעם;
אין איין אויג —
שטייען דייטשן מיט בלויזע שווערדן אין די הענט,
אין זיין צווייטן אויג —
די פֿאַרבענקטע קאַטיאַ — איבער זיין בילד געבויגן.

מענטקע און בלומקע,
צעשושקען דאָס פֿיינלעכע שטילקייט
און שאַרן זיך סוידעסדיק פֿון ווערלדל אַרויס —
נאָר שורקע, אונטער שרעק פֿון שאַרבנדיקע צווייגן,
ווי צוגעוואַקסן צו דעם בוים,
איז מיט דעם טרוים פֿון זיין פֿאַרלאָרענער קאַטיאַ געבליבן:
— ליב האָב איך דיר, אַ ליב מיין קאַטינקאַ,
ווי שטאַרק עס קען אַ האַרץ נאָר ליבן.

שורקע היט אין וועלדל,
ווי בערגלעך מוראשקעס — פאַרדעכטיק זיך באַוועגן;
ווי ערגעץ,
גרילן אין אַלטינקע שטיבעלעך — זיין מאַזל צעזעגן.

▼▼▼

און ס'בלאַנקען די קינדער אַהיים — לאַנג-לאַנג,
דורך דער מאַיאיקער וויסט פון דער ערד.
אַרום זיי,
יאָגן צום שלאַכט — ענדלאָזע אַבאָזן,
מיט דייטשן, מיט ביקסן, מיט מידן געזאַנג;
די קאָפּיטעס פון פערד,
ווערגן די פרישע, טויאיקע גראָזן.

בלומקע ווייזט מענטקען —
אַ וואָלקן זעט אויס,
ווי פון סווינציאַן דאָס אָפּגעברענטע קלויז:
— זע מענטקע, מענטקע זע,
אויך אין הימל,
איז הירשע-לייב טאַרשיש —
דער אונטער-שאַמעש פון כסידישן מיניען.

צוריק אַהיים

פאַר ווערמען —
פוצט זיך די יולי־נאַכט אַזוי,
ווערמען קען איר נאַגנדיקע שיינקייט דערפרייען —
אויב ניט מענטשן און בלומען,
וואָס גייען
פון נאָענטן באַרג אַצינד
און זעען — שוין ניט אין כאַלעם,
די אויסגעשטערנטע דעכער פון סווינציאַן.

אַרום באַרג — זאַפטיקע שטשאַוויע בליען.
יעדעס בלעטעלע אין ריינסטן טוי זיך צוואָגט.
פון פאַשמענער גאַס — די צעשראָקענע שטיבער,
צום שטאַרקן באַרג זיך ציען.
הינטער די פאַררידגלטע לאָדנס,
לויפט יעדנס האַרץ —
ווי ס׳וואָלט עס ווער נאָכגעיאָגט.

אַף זאַבלאָטנער גאַס — מאַכנעס הינט,
בלאָנקען ווי אַוואָלים אום
און בילן אויס אַ הינטישן קאַדיש
נאָך הירשע־לייב טאַרשיש,
דעם אונטער־שאַמעש פון כסידישן מיניען.

שורקע דער אַנטלאָפענער רוס
אין אַ בלינדן בעטלער פאַרשטעלט,
זוכט פון זיין בלאָנדער קאַטינקאַ אַ גרוס —
זוכט דאָס פאַרלאָרענע ליכט פון זיין וועלט.

אַפּן שולהויף. — דער ווייסטער העקדעש,
איז מעכאַדעש די לעוואָנע מיט אייגענע טפילעס.
כאַיעס-מעיער דער סווירער,
אין אַ פאַטשיילע מיט ציצעס — אַנשטאָט אַ טאַלעס,
מיט איין אינגלשן און איין מיידלשן שוך,
ווי האַלב אינגל און האַלב מיידל —
ווערט גאָר בעטנדיק ניט מיד:
— אוי, לעוואָנע, לעוואָנע,
גיב אַ שטיקעלע ברויט —
וועסטו האָבן כיין אַף יענער-וועלט,
ווי דו האָסט כיין אַף דער וועלט.

„דער פּרייסישער קעניג", מיט זיין בלעכענער קרוין,
מיטן האַלדז, ווי צום שעכטן, פאַררייסן אַרויף,
קרייעט הייזעריק צו דער לעוואָנע:
— שיידים-קאָפּ,
אין סווינציאַנער הימל ניט וואוין
און ניט גיי אונדז נאָך אַזוי פּאַוואָליע:
לעוואָנע לויף —
אין דעם פּאַר-ברייישיסדיקן גאָרניט אַנטלויף!

— ריבוינע-שעל-אוילעם — האַר פון ביידע וועלטן,
לייע, „די מאַלקע פון פּרייסישן קעניג", צו דיר רעדט:
גיב מיר קויעך — יעדן געלעכטער צו פאַרשילטן,
גיב מיר קויעך דיין הייליקע טכינע צו לייענען
און אַף אַלע גזיירעס — וויינען, וויינען, וויינען,
ווייל לאַכן איז שוין פּאַר אַלעמען צו שפּעט!

איטשע־הירש דער געשמאַדטער — פּאַנפּעט זיין געבעט:
— אַי, יעדער האָר פון מיין פינצטערער באָרד,
וואָס איז ווי כצאָס, אַי, הייליק געוועז,
זאָל קעגן דער לעוואָנע —
ווערן איצט אַ קלאָלע,
עס זאָל איר שיין ניט שליאָנדרעווען
אין אונדזערע, כאָרעווע שטעט.

און ס׳איז מעכאַדעש די לעוואָנע יעשיע דער פינטלער,
מיט אַ כריפּנדיקן, קאָל־נידריי ניגן:
— אײ־אײ־אײ, אײ־אײ, אוי־אוי,
אויגן זיינען אַ בראָך, אויגן זיינען אַ קלאָג.
ווען ס׳וואָלט דער מענטש ניט זען גאָטס שיין,
וואָלט די בלינדקייט אַליין געוועזן — טאָג;
ווען ס׳וועלן קיין אויגן אין ערגעץ ניט זיין,
וועלן קיין טרערן מער ניט זיין —
אײ־אײ־אײ, אײ־אײ, אוי־אוי.

און אין די הייליקע געבעטן,
שפּרינגט פלוצלונג מעישקע־זשוליק צו:
העי גאָט, דו קנאַקער, איך קען זיך מיט דיר וועטן,
אַז כ׳יאָג אַריין דיך אין דיין טויטן־רו —
אַרוים פון די שטערן, פון די קוואָרים און פון די גראָזן,
דו זאָלסט ווי שורקעס בלינדע אויגן אויסרינען;
אַז ס׳קען דיין ווייטע ריע, דעם מענטש קיין ליכט ניט ברענגען,
איז עפּשער טאַקע — ליכט אין פינצטערניש געפינען.

אין ציגן־געסל,
איז אַריין אַ שמאָלער פּאַס יולי־הימל.
שורקע דער „בלינדער" פויזעט,
מעקטקען און בלומקען אַנטקעגן
און שלאָגט מיט זיין שטאַרקן שטעקן,
דעם שוואַכן, בלאָנדזשענדיקן שיין —
ער איז פון אַלטן געסל — דער לעוואָנעדיקער עלנט.

שורקע שפּירט ווי קעגנאיבער,
אַף אַ שפּינוועבדיקער ברעט,
רעדט —
אַ געפאַנגענע פליג צו אַ שטערן:
— פאַרשווינד, מיין ליכטיקער, מיין ליבער,
ניט לאָז דיין שיינקייט דאָ אַריין —
זאָל דער פיינט אין פינצטערניש מיך פאַרצערן,
אַ, לאָז אַליין מיך מיט מיין פּיין.

אַפן שולהויף — דער העקדעש,
פירט שוין די לעוואָנע, דורך די ברענענדיקסטע קאַפּהאָקאַלן.
הינטער באַדאַנעם שטוב —
לייגט די יולי־נאַכט,
שטערנדיקע לאַטעס, אַפן צעלעכערטן שטאָל
און ס׳רוישט די פוסטקייט אין דער טיפער לידאָוונע,
ווי אַ ווייטער קלאָגן פון אַן אײמעדיקער גרוב.

און ס'האָט באַדאַנען — אַ שאַרכנדיקע אומרו אויפגעוועקט.
אַ גרינגקייט ווי אַ צויבער האָט איר דורכגענומען.
צי האָט אַ ווינט אין די שויבן געקלונגען,
צי האָט זי אירע קינדער אין כאָלעם געהערט?
ווערטער נאָענטע האָבן איר געגלעט.
אַ קאָל האָט נאָר פון גליק געזונגען,
פאַרשוואונדן ווערט — די קלאָלע פון דער ערד.
זי קוקט גיריק צו דעם הימל אַרויף —
איבער איר,
אַ לופטיקער זילבער מילד אַזוי טרעט.
דער שטערנדיקער גאָט נאָר שרעקט,
ווי ער וואָלט שלעכטע סוידעס איר פאַרטרויט.

פלוצלונג,
האָט דער כאָלעם אין וואָר זיך געביטן
און פול ווערט, מיט פריידיק געוויין, די פוסטע שטוב.
מענטשן ביז פאַכאַד גערירט —
ציטעריקער הויט און ביין,
שמעקט מיט בלוט און מיט רייכעס פון וואַלד־צוויטן;
און בלומען — כאַוועדיק־הויל,
אין די יולי־שטערן אויסגעצירט —
רייסט איר פרייד אויף — אין אַ ווילד געזאַנג.
אין דער מיטנאַכטיקער שטוב,
רעוועט איר ליד — אַ געפּלאַצטע קויל.
די פרייד ביז אומקום נאָגט טיף אַזוי און באַנג.

באַדאַנעס בליק גלעט אַזוי צאַרט:
— קינדערלעך מיינע,
איך האָב יעדן טאָג — הונדערט יאָר אַף אייך געוואַרט.
אונטער וועלכן הימל און אַף וועלכע וועגן,
האָט איר געוואָגלט —
ווי אַן אַ פּאַסטוך — פאַרלאָרענע שאָף?
וויפל טעג האָט די זון אַן אייך פאַרגעסן?
מיט וויפל וואַסערן האָט אייך געשווענקט דער רעגן?
וועלכע האַנט האָט אייך געברעקלט עסן?
וועלכער שטיין האָט אייך געגעבן שלאָף?

מענטקע און בלומקע,
גיסן אין די גלידער אַן געזונט און רו.
באַדאַנע באַם איוועלע פּאָרעט זיך — גיך-גיך:
— געשמאַקע שטשאַוויע האָב איך
און מעליקע בולבעס שטעל איך שוין צו.

יעיסקע — אַליין אין דער גרעסטער בעט,
קערט זיך האַלב-וואַך
און זעט:
די יולי-נאַכט נעמט אים אַרום
און גיט אים טייסטערס זילבער גאָר אַ סאַך.
אַף זיינע באַקן צוקט אַ ווייטע לעוואָנע-בלום.
דורך דעם פענצטערל — דער הימל,
זעט אים אוים — אַן ענדלאָז ברויט,
באַשאָטן מיט מיליאָנען שטערן-קימל.

שטיל.
אַז די דעכער, זיצן שאָען אויס, אַ פּולוועדיקן פֿאַרטאָג.
כאַיעם-מעיער דער סווירער,
שאַרט זיך —
אַרום די קרומע ווענט פֿון אַלטן בייסמעדרעש
און קלערט:
אומעטיק-אומעטיק,
וואוינט גאָט אין ווערטער הייליקע פֿון סייפער-טוירוס.

כאַיעם-מעיער דער סווירער איז מעסאַמעיאַך גאָט
און גייט רונד-אַרום — אַ שאָטן-קאַראַהאָד
און ס'טאַנצט אין האַפּקע אויך זיין בעטלערישער שטעקן —
די שפּיצן-פֿינגער שפּרינגען פֿרום און שטיל,
די ניטגוטע ניט צו וועקן;
כאַיעם-מעיער דער סווירער איז מעסאַמעיאַך גאָט
און פּאַטשט אים אויס אַ דודעלע מיט די סקעלעטן-הענט:
דו, דו, דו-דו-דו-דו —
אין סוויר דו, אין סווינציאַן דו,
אין מיכאַלישעק דו, אין קלושצאַן דו,
דו, דו, דו-דו-דו-דו.

וועז ס'האָבן די קינהער
באַם שיין פון אַ קינעלע — געשמאַק געגעסן,
האָט די נאַכט זיך געקליבן פון באַדאַנעם הויז,
נאָר אַ פענעצל לעוואָנע אַף אַ שויב האָט זי פאַרגעסן.

אָבער יעיסקע,
האָט דער פרייד צעפליקט מיט קייבנדיקע גוואַלדן.
דעם פאַרטאָג האָט ער געבריקעט,
ווי ער וואָלט מיט די צעבויגענע פיס, געפּרואוווט די נאַכט פאַרהאַלטן;
מיט אַ מילדער בולבע — אין קאַעסדיקן מויל,
האָט ער באַ יעדן בים,
זאַ־הי־הי־הי־קעט :
— פּ־פּ־פיינט, פּ־פיינט !
אַ־אַ־אַ־לע־מ־מ־מען פיינט !

אַף יעיסקען האָט די זון געוויזן,
אַ פורפורנער שידון — אַ פייג די גרוים.
מיט אויגן — אָפענער גרויל,
האָט ער אין פאַרטאָג געשיינט,
ווי ס'וואָלט אַ גליענדיק וועזן,
פון זשאַרנדיקן פריפּעטשיק :
ביטער און אַלט־געבאָרן אַרוים.

בערקע

אַ סאָד באַם שלאַכט — לעם דערפֿעלע גריוויאַט.
מאַרך צעשאָסענער האָט די וואָרצלען געשטאַרקט,
האָט געקיילעכט דעם פֿורעם פֿון די עפּל און די בערנעס ;
יעדעם האַיפּעלע ערד — איז געווען אַמאָל אַ בראַוור סאָלדאַט.

בערקע, צעקאָרטשעט און געל — אַ קליינינקער זאַקן,
האָט זיין קינדישן קויעך דעם פּאָריץ פּאַרדונגען :
שאַרט ער זיך אין סאָד — אַ צעשראָקענער וועכטער
און האַלט קעגן הונגעריקע יונגען
אַ ציטערדיקן פלאַקן.

באַטאָג, היט בערקע דעם פּאָריצס הונט,
עס זאָל ניט ווער אַ הינטיש מיטיק פֿון אים בראָטן ;
באַנאַכט, היט אים דער הונט —
ער זאָל פֿון סאָד אַן איבעריקע בערנע ניט רייסן.

ב ע ר ק ע

געקומען איז דאָ דער האַרבסט מיט פולע טעג מיט פייער,
ווי ס'וואָלטן שלאַכטן אויך באַשערט דעם זומער צו שטאַרבן.
איצט איז גרווילנדיק-שטיל.
בלעטערדיקע מייסים פלוידערן אין ווינט:
דער האַרבסט, דער קאַברען, וועט נאָך לאַנג
דעם זומער צו דער קוואורע טראָגן.

אַף פעלדער וויסטעוועט — דער ניט-פאַרזייטער קאָרן.
גרילן פאַרוויינען די פוסטע שייערס.
טיף אין דער ערד,
שטעכן ווי דערנער — פאַרוואַלגערטע שאַרבנס.

ערגעץ אַ טייכל מורמלט גויסעסדיק,
ווי לעצטע ווערטער פון טאַטעס — אין שלאַכטן צעשאָסן.
די צווייגן — געלע, וויאַנענדיקע פאַנען.
וואו-ניט-וואו,
לעצטע זיסע פרוכטן דערמאָנען —
אַן אַלמאַנעס מיט הייסע דורשטן אָנגעגאָסן.

אף די אוראַלטע פּרוכט-ביימער, בויען זיך קראָען נעסטן
און ווערים גריזשען וועגן דורך דער פּוילער קאָרע.
יעדער בוים — אַ שרעקנדיקער שטעקן.
די בלעטער וואָס דער ווינט האָט אָפּגעפּליקט,
בעטן זיך פון שטויב, צו די ביימער-שפּיצן ווידער,
וויינען אַזש פון יענער-וועלט אוים זייער צאַר:
— צו פּרי, צו פּרי, צום שעד אונדז געשיקט.

נאָר די יונגע עפּל-ביימער,
צעשיינען דעם האַרבסט אין פרילינגדיקן אינגעווייד.
יעדער צווייג מיט גאָלדיקער לופט איז דורכגעהעלט.
די בלעטער זינגען אין ווינט טויטערהייט
און רייסן אַליין זיך צו דער קוואורע:
— אוי, ברידערלעך אַרונטער פון די צווייגן,
באַלד וועלן וואוינען דאָ די הונדערט פרעסט.
יעדעם אָדערל אין אונדז איז דורכגעגעלט
און ס׳רופט אַ שנייאיקע מאַמע אַ ווײַלינקע אין געסט.

אין סאַד — אַ פינצטער געדריי פון קוואַרים,
און פּאָר אַ סגולע צום ליכטיקסטן גאַנעידן,
האַלטן זיך די טויטע זעלנער פאַר די הענט.
דער רעגן האָט זייער ברוקייט, אַף די ברעטלעך, האַלב
שוין אָפּגעמעקט.
דער ווינט האָט זייער הייליקייט, אַף די ציילעמלעך שוין
אויסגעקרימט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

בערקע — אַ שטיק וועלקנדיקער האַרבסט.
פינטעלעך לעוואָנע, שאַרן זיך אַף יעדן שטרוי פון זיין בודקע.
ער פאַרנעמט די זעלנער אונטער דער ערד,
שפירט זייערע שאָטנס אַף די לעוואָנעדיקע צווייגן פול
און ס׳וויים ניט בערקע —
צי איז ער דאָ,
פון דעם פּאַריצס הונט און די לעצטע פרוכטן דער וועכטער,
צי פון די זעלנער אונטער דער ערד.

אַ טעלעגראַמע

ערעוו ראָש־האשאָנע.
אין סווינציאַן דער אָוונטדיקער ווינט,
ווי דורך אַן איימעדיקן שויפער רופט:
די זון איז אין סאַקאָנע.

פּיצלעך שטויב טומלען אין דער טויכעכע־לופט,
ווי ס'וואָלט די ערד געקליבן זיך פליען.
יעדעס שטויבעלע טראָגט אַ שווארצן יאָים־האדין.
אפילע איטשע־הירש דער געשמאַדטער,
איז אַפן אָרן־קוידעש ארויף
און פאַר די שרעקנדיקע טוירעס זיך גענומען קניען,
ביז ס'איז באַפאַלן אים דער צערייצטער שולהויף:
קינד און קייט — מיט קאָטשערעס און בייזע הינט.

אין באַדאַנעם הויז,
האָט די וואָך דעם יאָנטעף פאַרטריבן —
וואַלגערט זיך דער ראָש־האַשאָנע אין טוכלען קעלער
און טוליעט זיך צום כיילעוו פון די פאַרשמאַלצענע לייכטער.

באַדאַנען נאָגט די לײדיקייט פון די פאַרשטויבטע טעלער.
די אומרואיקע פינגער שפּילן אין דער לופט,
ווי זי וואָלט קיטקעס ווייצענע געקנאָטן;
פון האַרבסט — דער טויטלעכער דופט,
האָט אין איר יעדן ביין זיך פאַרקליבן.

אָף אַ טרויעריקער וואַנט,
מאָלט אַ שאָטן איר ביינערדיק געשטאַלט.
זי שפּירט דעם אַמאָל נאָענט ווי דאָס אייגן העמד.
פון אַלע אַמאָלן איז איר דער היינט ווייטער.
דער אַמאָל מילד אַזוי, מענווירעדיק ברענט.
דער היינט —
דורך די טיפסטע נעכט שיינט, מיט מענטשן־שייטערס.

בלומקע שווימט אין געדאַנק,
אין אַ טייך פון מילכיקער שטשאַווע:
— מאַמע, מאַמע,
וואָס איז געשמאַקער פון שטשאַווע?

— בלומעלע מיין קינד,
איידער גאָט האָט מיט דעם מענטש זיך צעקריגט,
האָט אָף די מײסימדיקע פעלדער גאָלדיקער ווייץ זיך געוויגט.
אָט דער אומעטיקער טיש,
האָט מיט כאַלע, מיט זמירעס, מיט פריילעכן ווײַן געשמעקט
און טאָרט און נים און מאַזל —
האָט אויך פאַר אָרכים אָרימע געקלעקט.

— מ־מ־מאַ־מע, מאַמע־מאַמע,
ווי זעט אויס אַ כאַלע?
— יעיסינקע מיין קינד,
אַז אַ אינגעלע ווי דו,
האַלט לאַנג די אויגן צו —
זעט ער אין אַ שטייג דעם שלעכטן ווינט,
זעט ער זיך אַליין פליען,
זעט ער שטיינדעלעך בליען,
זעט ער קרוכלע, געלכלדיקע כאַלע.

אַז יעיסקע דרעמלט אין אירע דאַרע אָרעמס איין,
קלעטערט ער אַף אַן ענדלאָזן כאַלע־באַרג.
איבער אים,
דורך אַ געלכלדיקן שיין —
דרייט זיך די לעוואָנע אין בייגלדיקע רינגען.
הער באַרג איז פריש און געשמאַק
און ער גרייט זיך טאַקע,
פון באַרג אַ שטיק איינצושלינגען —
נאָר גאָט איז קאַרג
און וויל פאַר זיך דעם גאַנצן כאַלע־באַרג נעמען.
יעיסקע שטופּט דעם קאַרגן גאָט
און פּרואווט מיט די ציין אין באַרג זיך שטשעמען.
אָבער גאָט וואָס איז פון יעיסקען אַזש שטאַרקער,
וואַרפט אים פון העכסטן שפּיץ
און יעיסקע פאַלט,
פאַלט,
און צעפאַלט אין וואָלקנס, אין שטורעמס, אין בליצן.

און ס׳האָט די טיר אַ שפּרונג געטאָן,
אַ בריוו־טרעגער — צעשוידערט די ווײַלינקע רו:
דאָס הויז גרוילט — אַ קייווער אַ צעפּראַלטס.
די געקאַלכטע ווענט ווי אין טאַכריכים אָנגעטאָן.

מענטקע — אַ אידעלע אָן אַלטס,
שלעפּט זיך צו באַדאַנען צו,
מיט אויגן פאַרגלאָצט צום פאַררוויכערטן באַלקן:
— מאַמע! מאַמע!
אַ טע! לע! גראַמע!
עלציק איז אין „בואוויץ" — אַף קריוואַווקע קראַנק.

— מײַן עלציק! מײַן עלינקע! מײַן שוואַרצער יאַנטעף!
מײַן אײַנאײַנציק, עלטסטע קינד!
וואָסער פייער טראָגט דיך אַצינד?
אַז טראָגן זאָל אַ קראַ — דעם מאַרך פון דײַטש,
וואָס האָט געכאַפּט דיך אין אַבאַז.

— ווי זאָל איך,
פון ווייטיקדיקן הויט זיך אויסטאָן
און ניט ווערן?
אוי, טהאַרעדיקע פינצטערניש פון קוואָרים־שטיבל,
באַהאַלט מיך פון גאָט און פון די שטערן.

אין קאַמער גייט אוים,
אַ פּאַסיקל אָוונט אַף עלציקס פּוסטן בעטל.
די טעלעגראַמע גאַנוועט זיך אַליין אַרוים,
פון באַדאַנעם צעשראָקענע פינגער
און שוועבט אין וויסטן הויז,
ווי פון גאָט — אַ שוואַרצער צעטל.

מענטקע פאַרטרויט די קינדער,
אַז ער האָט אין כאַלעם געזען,
עלציקס קאָפּ — אַף אַ דייטשן שפּיז.
פּלוצלונג איז געשען,
ווי נאָך מאַשיאַכן — אַ יענער-וועלט וואונדער:
ס'איז דער קאָפּ אַנטלאָפן פון דעם שפּיז
און אַפן האַלדז צוריק זיך אָנגעטאָן.
אין בלומקען טאַנצט פאַר שרעק אַ צאָן אָן אַ צאָן,
אָבער יעיסקען שרעקט ניט אַפן שפּיז — עלציקס קאָפּ,
ווייל —
פּולער איז אָן אים, מיט שטשאַוויע דער טאָפּ.

לעוואַנעדיקע שטילקייט.
בלומקע גאַפּט,
וואָס אין גרוים פון סווינציאַן,
איז ניט קיין ערד, נאָר זילבער און זילבער פּאַראַן.
אַזויפיל ליכט קען שניידן וועגט און דעכער,
ווי ס׳וואָלט די נאַכט פון אָרט זיך אָפּגעריסן
און מיט אַלע שטערן זיך צעשפּרונגען.

באַדאַנע גייט, ווי פון אַ וואונד צו אַ וואונד, צו בערקען איבער
— און וואו איז בערקע?
מיין פאַרקלערטער, שטענדיק קאַלטער בערעלע.
וואו וועט ער אַן אויוון נעמען,
אויסצושאַרן זיך לעכער אין קאַלטן העמד?
ער מוז דאָך אין דער פרעמד,
אַפילע פאַר די שטיינער זיך שעמען.

— אוי, מיין פאַרגרינטער שטענדיק אומעטיקער בערעלע —
ווייסט גאָט ווי שטאַרק ער בענקט נאָך עסטערקע-„סטובון״.
עסטערקע איסער דעם קאַצעווס,
וואָס האָט אין די קלעפּעדיקסטע „שפּאַנקעס״ ניט געקרענקט
און ס׳איז צו פערצן יאָר —
הוילע יאַטקע, אַף איר לייב, יעדער פונט.
מיט ציגיינעריש, פינצטערע צעפּ,
טראָגט זי זיך פאַרביי אַזוי געזונט,
אַז די שווערסטע עמער וואַסער,
שרעקן זיך פאַר אירע קאַצאָווישע הענט.

די קינדער באַפֿאַלט,
נאָך עלציקן און בערקען — אַ גריזשענדיק בענקען.
טרערן בריען די צעגלאַנצטע אויגן.
יעיסקע וויל די „ברידער" אַפֿילע ניט געדענקען.
מיט דעם הילצערן ביקסל,
שפּאַנט ער זעלנעריש, קלוג —
און טרייבט די ווענט פֿון שטוב
און וואַרנט אַזש מיט טויט — דעם טויט:
ש־שוין קליין־קליין ג־גענוג,
ד־דאָס קליי—נינקע ל־לע־בע־לע ב־ברויט־ברויט.

אַף אַ האַלאָוועשקע באַם פֿינטלענדיקן קינעלע־רויך,
זעצט זיך יעיסקע — אַ מענטשעלע אַן אויסגעקלערטס
און ווי דורך צויבער אַלץ נאָך הערט,
די מאָדנע מאַיסעלעך, וואָס עלציק האָט דערציילט:
פֿון אַ פּוסטער שטיבעלע וואָס איז צו די וואָלקנס אַרויף
און האָט דורך דער ליידיקייט גאָט געזען.
פֿון אַ באַרג וואָס וואוינט איצט אין אַ טאָל.
פֿון אַ זעמדעלע וואָס איז אַמאָל אַ לאַנד געווען.
פֿון אַ נאַכט וואָס לעבט מיט דער זון בעשאָלעם.
פֿון אַן איבערמאָרגן וואָס האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַמאָל.
וועגן אַ בלום וואָס איז אַרויס פֿון אונטער אַ שטיין
און מיט אירע רייכעס אַ פֿאַרוואונדעט מאַלעכל געהיילט,
און וועגן דעם שענסטן כאַלעם
וואָס געכאַלעמט האָט גאָט אַליין.

אַ טעלעגראַמע

אויך באַדאַנען — טראָגן מאַיסעלעך,
דורך ווייטע וועלהער און צעווילדעוועטע בערן.
אַ מידקייט שלעפּערט אירע פּיינען.
אין האַלבן דרימל —
הערט זי,
ווי ס'הילכן אין יעדער שויב אָפּ,
די נאָענטע טריט פון יאָים-האַדין;
אין האַלבן דרימל,
זעט זי אָף דעם קלויסטער-ציילעם —
עלציקם לעצטע נאַכט געהענעמדיק טאָגן.

פרימארגן.
באדאנע נעמט די קינדער אין א קופקעלע צונויף —
שיינע, צוגעוועלקטע בלומען:
—אוי, קינדערלעך, מענטקע, בלומקע, יעיסקע,
עס מוז די לענגסטע נאכט אויך האבן א ברעג.
ווי א זון פון פינצטערניש וועט נאך בערקע קומען
און ער וועט פון אונדז שוין קיינמאל, קיינמאל ניט אוועק.
ווי ס'האלט זיך א בוים צום ווארצל און צום שטאם,
וועלן מיר האלטן זיך צוזאמען.

— און עלציק האט אין כאלעם מיר געזאגט,
אז ער לעבט! לעבט!
אנטקעגן אים —
א בענטשנדיקע האנט האט געשוועבט
און געוויזן,
פון זיינע טעג — א זילבערנעם בארג,
יעדער טאג אן בלוט, אן געוויין.
איז לאמיר קינדער צו עלציקן גיין,
צו עלינקען אין בואוויץ, אין בואוויץ.
ווי לאנג עס איז דער שווערער וועג,
וועט לענגער זיין נאך אונדזער פרייד.
זאל נאר עלציק לעבן! לעבן!
יעדן וואלקן שפאלטן וועט א בליץ
און אלדאסבייז ביזן דעק אויסגיסן.

און ס׳לאָזט זיך באַדאַנע —
צו איר ערגעצדיקן עלציק אַרוים,
אַף גאָטס באַראָט,
מיט מענטקען און בלומקען פאַר די בלווילעכע הענט.

פון סווינציאַן טונקלען פיר אומעטיקע פינטעלעך אוועק.
וועגען פון נויט, פון פייער און שוצנגריבער.
באַנאַכט, שרעקט עלציק ווי אַ ניטגוטער.
בלומקעס שיינע צעפּ זעט מענטקען ווי אַ פּעטליע אוים.

יעיסקע — אַ פאַנטאַסטיש בעטלערל ביז די קני געבוויגן,
מיט זיין הילצערן ביקסל אַפן דינינקן אַקסל,
אין אַטאַקע-טראָט —
פירט אַלעמען פאָראויס! פאָראויס!

באָלשעוויקעס אין סווינציאַן

האַרבסט.

אַרום סווינציאַן — די אומעטיקע קוסטעס,
געזעגענען זיך מיט אַזויפיל בלעטעלעך שטשאַוויע.
די ראַבינע-ביימער רויטלען ווי אין אַ שווינדזוכט-פיבער.
דער רינשטאָק וואַלגערט זיך אין קאַלטע בלאָטעס.
איבער העם טויטן זומער קלינגט אַ בלעטערדיק געוויין.

פֿאַרטאָג.

דער זונאויפֿגאַנג ראַמט איין,
דעם פֿאַררויכערטן שולהויף אין אַ פֿורפֿורנער ראַם.
פֿאַרשפּעטיקטע פֿליגן, זשומען אויס, פֿאַרמעקטע אַמאָלן.
אונטער בערג פֿון דאַלעם קרעכצן די שיינענדיקע שטיבער —
ליכט און וועלנט ליבן זיך אָף די זינקענדיקע ווענט.
אין העקדעש זיצט די נאַכט נאָך זיך אַליין שיווע —
קלאַלעם שליידערן דאָ די וועלט אין גרינעם גאַל.
די פֿאַרלייזיקטע בעטלער טאָגן.
זוניקע הענט קלייבן זשמעניעס נאַכט פֿון די שויבן
און דעם כוישעך דעם פֿאַרבליבענעם,
קומען באַלשעוויקעס מיט וואָרט און מיט קויל פֿאַריאָגן.

באָלשעוויקעס — שפּאַנענדיקע לענדער:
האַרמאַטן, מענטשן און פערד,
ווי פון דער ענדלאָזיקייט ציען און ציען
און טרייסלען פון די אוראַלטע געסעלעך יאָרהונדערטן
אומעט אַרויס.

באָלשעוויקעס מיט ביקסן צו שטריקלעך געבונדן,
ווי קינדער וואָס שפּילן זיך אין סאָלדאַטן.
אַף די שטאָלצע מונדירן — לאַטעס אַף לאַטעס.
אַף די בראַנדיקע לייבער — רויע, ניט־פאַרבונדענע וואונדן.

באָלשעוויקעס הינקענדיקע — אַף קוליעס,
ווי זקיינים אין אַ טרויער־מאַרש געבויגן;
אין די יונגע ריפּן זשאַווערן פּוליעס,
דער שלאָף לעשט די מאַטע אויגן.

באָלשעוויקעס בראַווע — אַף פאַרמאַרעטע פערד.
פאַראויס דער הונגער — אַ צאַרנדיקע פאָן;
באָלשעוויקעס אין בליץ פון העלע שווערדן,
אין פייער געלאָדענעם אָנגעטאָן.

נאָר דוועירקע האָט פון דעם שענסטן באַגינען,
הינטער שימל פון קרישלדיקע ווענט זיך באַהאַלטן.
פּאַסיקלעך טאָג, אין שפּאַרעם פון לאָדנס פאַרריגלטע,
ווייזן איר, ווי דורך שטיקלעך צעבראָכענעם שפּיגל:
מענטשן מיט האָס, מיט טרוקענע גומענס,
מיט באַפּאַנצערטע טראַנטעס — אַף ביינער פון פערד,
ווי דורך טכיאַס-האַמייסים קומען און קומען.

און דוועירקע שעפּטשעט נאָר איין טפילע איבער און איבער:
— אוי, עלציק וואו ביסטו, מיין איינציקער, מיין ליבער?
דיין ליכטיקייט האָב איך געזען,
ווען דער יונגער פרימאָרגן —
האָט די אַלטע נאַכט, אויג אַף אויג, באַגעגנט
און אַזש אין לעכער פון בוידעמער
די פינצטערניש געוואָרגן.

— אַזויפיל לויטערקייט,
איז נאָך אין מיין יעדן גליד פון דיר פאַראַנען.
אין געיעג פון פאַרמאַטערטע פערד,
אין געשלעג פון פאַלנדיקע עראָפּלאַנען,
געפין איך די שטילסטע שטילקייט אין מעשוגענעם געברום
און רוף צו דיר,
פרום ווי אַ ווינטעלע, וואָס וויגט קוים אַ צווייגל אום:
קום צו מיר מיין ליבסטער אוי, קום;
דיינע האָר — קאַשטאַנענער שאָטען,
האָב איך אין מיין איינזאַמען שאָטן,
אין טרויער זיך שוואַרצן — געזען.

די מיל שטומט און פוסטע דעיזשעס שימלען.
בעהיימעס גריזשען די מאָכיקע ווענט פון שטאַלן.
אַף פאַרשנייטע שטעגן טונקלען זיך שאָטנס פון טאָרבעס.
דער הונגער איז ווי אַ סקעלעטן־ריז באַפאַלן.

אין פאַרלאָזטן, לידאָוונע־הויף —
שטאַרבן נעכט פאַר בענקשאַפט נאָך באַדאַנען ;
לעם ראָבע־פייגעס קוזניע,
גייט די זון אַף געשוואָלענע קינדער אויף.

נאָך אין פרילינג האָט דער דייטש,
די רויע זאַנגען מיט שווערדן געשניטן
און אין דער בליענדיקער ערד,
דאָס ברויט — אַף האַרץ צעשאָסענעם געביטן ;
אַ פריילעכע וואָראָנע האָט געגריסט,
יעדער שטעכלקע פון צעפליקטן קאָרן —
איז געלעגן דער זומער אַף שאַרפן פון דערנער
און אַף בלוט און מיסט — אַקאָרעדיקע טעג געבאָרן.

שלאַכטן הייצן די פראָסטיקע הימלען.
נעכט פינקלען מיט גליענדיקן אַש פון פאַרברענטע מענטשן.
פּאַשמענער גאַס שרייט מיט קוילעס פון נאָענטע הארמאַטן —
די שטיינער רירן זיך, ווי ווען צו באַפאַלן.

דער הונגער האָט דעם „פרייסישן קעניג",
אין אַ גיגאַנטישן פענכער צעבלאָזן.
אין העלן פראָסט בלויט ער אַוועק
און כאַלעמט פון פיר איילן רו —
אונטער טאַמוזדיקע גראָזן.

דעם פראָסט האָט די רעציכע אָפּגעלאָזט.
די נעגל אין שניי איינגעגראָבן,
ווי גראַבלענדיק אַליין זיך אַ קייווער,
ליגט דער פרייסישער קעניג,
מיט זיין בלעכענער קרוין — פאַרזשאַווערט, באַזיגט ;
איבער אים, וואַרעמע שנייעלעך,
צעשיינען דעם ברוד אין זיינע גלאָצנדיקע אויגן.

הינטערן שטעטל — די קוואורע־לייט,
פאַרגרילצן די מעסלעסן מיט טרויעריקע רידלען.
אין קוואָרים־שטיבל,
האָט די זון — דורך די לעכער פון דאַך,
אַף די טהאָרע־ברעטער, דעם ליכטיקן שניי צעגאָסן.

לייע — „די מאַלקע פון פרייסישן קעניג",
גלעט אַן אַלטן זויג־קינד מיט די פאַרבראָכענע פינגער
און טונקלט פרום דעם גאָלד פון פראָסטיקע טעג,
מיט איר צעהויקערטן שאָטן;
לייע — די מאַלקע פון פרייסישן קעניג,
איבער אַ פאַרטרערטער טכינע בעט:
— אוי, גאָט,
פון הימל קיין סווינציאַן, אין אַ געשטאַלט פון באָמבעס קום —
דעם הונגער און די באָלשעוויקעס ווי אַ מאַגייפע אויסראָטן.

אין אַ שטיבעלע פון שימענישעק

יעיסקע „שפּרייזט" אין וועג — אַ העלד
וואָס האָט מיט ריזן־פּיס אָפּגעשטופּט סווינציאַן,
כאָטש ניט איין ווילדע נאַכט
מיט הינט, מיט שטורעמס און מיט וואַלד,
איז נאָך ביז עלינקען פאַראַן.

די שפּעטע זון — הערשלעפּט,
אין אַ שטיבעלע אַן אַלטס.
די גלידער — שווער און קאַלט.
נאַכט און נידעריקע הויכן אין שימענישעק —
גאָט איז מיט וואָלקנס פאַרקלעפּט,
דאָס דערפל איז טויזנט מאָל בלינד.

דאָס שטיבעלע ווי פון אַ טרוים פאַרבלאָנדזשעט,
שמעקט מיט מאָך, מיט רויך, מיט ערדענעם דיל.
די שויבן — בייזע צאַצקעס,
פאַר דעם ווינט זיך צו שפּילן.

מען זאָגט,
ניט איינמאָל וואָלט שוין דאָ,
די לעוואָנע אין פראָסט זיך געביטן;
נאָר צשיצשילע — די אוראַלטע טרעפּערקע,
האָט דעם טייוול אויסגעמיטן.

מען זאָגט,
די נאָענטע שלאַכט אַצינד,
טרייסלט ניט די ווענט פאַר רעציכע —
יעזום אַליין,
פאַרוויגט אַזוי דאָס דערפעלע אין זיינע אָרעמס.

שימענישעק הירזשעט מיט פערד און מרוקעט מיט כאַזיירים.
עס נאָגט מיט פרעמדער ערד, מיט אומהיימלעכן הימל.
דורך באַדאַנען גילט דער פאַרשנייטער הארבסט.
פון אַלע וואַלקנס איז זי גרויער.
זי מיינט —
זי איז אַ כמאַרע אַזש פון מאַבל געבליבן
און מענטקע, בלומקע, יעיסקע,
געשטאַלטן פון געהענעם פאַרטריבן.

מענטקע הערט,
עס רופט די ווייט —
מיט קוילעם פון צעריסענע סאַלדאַטן.
בלומקע מיט אַן אויער צו דער ערד,
שרייט:
אַזש קיין אַמעריקע — צום טאַטן.

ערגעץ אַף אַ בוידעם,
וואַלגערט זיך דער טאַטע — אין פאַרגעלטע בריוו.
די ווערטער זיינע — שפּיציקע ווי שפּיזן.
די שורעס אויסגעשטעלט ווי גראַטעס.
בלומקע האָפט,
זי וועט אַמאָל די גראַטעס לאַנג אַזוי מעקן,
ביז ס׳וועט דער טאַטע פּלוצלונג פון די בריוו אַרויס —
מיט טאָרט, מיט מילך און מיט צוקערקעס.

דאָס שטיבל קאָרטשעט זיך אין שפּאַן פון דוירעם.
אין די קלעצער וואוינען פאַרצייטיקע ווינטערם
און שפּינען וועבן נעצן דורך די מאָכיקע בערד.
באַגינען וועט באַדאַנע,
אין ווייטן וועג פעדערן די קינדער ;
אָבער איצט,
אַז די פינצטערניש איז ווי איר צאַר נאָך גרויס,
נאָר דורך דעם שטרוי פון פאַרוויאַנעטן דאַך
אַ קאַלטער שטערן בליצט,
ווי אין געפּעכט אַ פינקלענדיקער שווערד —
וויל זי פון אַלטינקן שטיבעלע,
די מיעסע נאַכט מיט שיינע מאַיסעלעך פאַריאָגן :

כ׳וועל די מאַיסעלע ניט אָנהויבן —
אַמאָל איז געווען,
אַמאָל איז געשען,
קעדעי איר זאָלט מיר, קינדער, גלויבן.

איך וועל פאַר אייך ניט אויסקלערן,
מענטשעלעך פון היילן
און פון פליענדיקע בערן,
וועל איך ניט דערציילן.

נאָר פון וואונדער פראָסטע,
ווי ס׳קען די שיינקייט זיין אַ רויבער —
וועגן קינדער — דורך פראָסט,
דורך וואַלד און שטערנדיקן צויבער.

איינע האָט געהייסן בלומקע,
ווייל אין דעם שענסטן פעלד
געוועזן וואָלט זי די שענסטע בלום;
אין שוואַרצסטן מאַזל — העל.

די אויגן — ליכטיקער קומער,
דאָס האַרץ — וואָרהאַפטער קישעף:
אַ האַיפּעלע קלאָרע זומערס,
אין בלאָטע פון דעם יישעוו.

אוי, קינדער, דאָס צווייטע —
געהייסן האָט בומע,
ווייל מיט איין אויג פאַרדרייט
האָט זי געזען אַלץ קרום.

בלומקע עלף און בומע צוועלף,
זיינען מיט דעם ווינט אַוועק —
זען ווי ס׳גלאָצט אין וואַלד די שרעק,
הערן מאַיסעלעך פון וועלף.

אַז שוין דריי טעג און דריי נעכט
האָט זיי אַן ערגעץ — וואו פאַרטראָגן,
לאָזט דאָס גאַנצע שטעטל זיך
אַף דעם בייסוילעם שיידים יאָגן.

מען זעט —
שטערן בויען הייזעלעך אַף פּראָסטער ערד.
מען הערט —
פון כיידער קומען קינדער מיט סיווע בערד.

אַ בייזע לעוואָנע גרינט,
אין דעם קוואָורע־שטיבל;
אַ וואָלקנדיקער מעם בינדט,
דעם פּראָסטיקן הימל.

ברענענדיק שטעטל

א וויכער — איז דער שניי
א זויבער־טאַנץ אַוועק
און קייקלט אין געדריי —
א צעהוליעטע שרעק.

טאַנצן פּאַלעם פון זקיינים
און לאַטעס פון פּאַטשיילעס —
שטופּן ווינטיקע קוילעס,
די געסעלעך אינאיינעם.

דער שניי האָט בערג צעשטעלט
אין די טיפסטע טאָלן
און א טאַכריכים־וועלט
אַלעמען געמאָלן.

דער שניי האָט הויך פאַרשאָטן,
פון „קומסע” די העכסטע גראָזן
און אַפילו א שאָטן —
פון די קינדער ניט געלאָזן.

עס זאָגט צו — מיט פאַרדאַכט,
דאָס אייז פון דער ווילע :
ברענגען זיי אין פרילינג,
אַף בלאָנדזשענדיקע קריועס.

דער ווינטער איז מיט גאַר זיין בייז
מיכאַלישעק באַפאַלן,
נאָר די מאַלקע לאַקשנדריי וויים —
צי ס׳וועט דער פראָסט ווען פאַלן.

אַן בלומקען און אָן בומען,
זיצן צוויי שטיבער — פרירנדיקע וואונדן;
די ווענט בויגן זיך קרומער,
מיט קאַרבן פֿון קאַלך, פון דוירעס צעשונדן.

אַף די שטרויענע דעכער
וואַקסן שנייאיקע טורעמס —
סאַי מאַלאָכים, סאַי שיידים
פון זילבער אויסגעפורעמט.

דאָ ראַנגלט זיך דאָס לעבן,
ווי פאַרן זאָגן ווידע.
די פּעקאַרניע איז מיט טשאַד
און מיט סאַזשע אַ נגידע.

ס׳הוסט דער קוימען דורך אַ וואַנט,
אין פייערן פון פראָסט צעשפּיגלט.
פון מאַלעך־האַמאָוועס — די פליגלען,
צו דערלאַנגען מיט דער האַנט.

און וויפל מאָל ס׳איז די זון
אין מאַירעוו שוין געשטאָרבן,
אַזויפיל מאָל איז די נאַכט
געווען איר נייער קאָרבן.

נאָר איצט, האָט דעם אָוונט
די פינצטערניש פאַרשלונגען
און ס׳דאַכט עס איז די זון —
אַף אייביק שוין געזונקען.

שוין האָט דאָס שטעטל אויסגעציילט
יעדן שאָטן פון פיר נעכט,
דער פראָסט — אַ כאַלעף דורך דעם וואַלד,
האַלט די צווייגן אין שעכטן.

פעטרושקע דער קוימענקערער
איז פון אַ קלעטערדיקן שלאָף,
צום פאַכאַד פון פראָסט און פון וואַלד —
אין אַ נאַכט אַזאַ אַנטלאָפן.

עפּעס אַ כליפּען אַ פאַרשטיקטן
די פרירנדיקע שוואַרצקייט טראָגט,
ווי ס׳וואָלט אַ טייוול אַ צעפּליקטער
אַף זיין צערוסנקייט געקלאָגט.

אַ רייסן זיך פון מאַכנעס פליגן —
דורך שפּינוועבדיקע פעדים;
אָדער אַ וויסטער הוזשען אַזאַ,
פון שפּרינגענדיקע שיידים.

אין אַ שטיבעלע פֿון שימענישעק

פּעטרושקע יאָגט אַרום בייסוילעם,
דעם פֿאַרבאָרגענעם קלאָגן.
באַם פּאַרקן — די זינדיקע קוואָרים,
ווילן די ערשטע טאָגן.

ער זוכט אַ געוויין,
ווי פֿון אַ ניט־דערקוילעט קינד;
ס׳וואָלט די שרעק אַליין,
געווים דערשראָקן זיך אַצינד.

נענטער, נענטער ווערן,
סיי די קוילעם, סיי די זון —
ס׳קען פּעטרושקע שווערן,
ער האָט דעם גוואַלד געפֿונען.

ער שאַרט דעם שטילן שניי
פֿון דער שרייענדיקער ערד,
פּלוצלונג ווי דורך צויבער —
אַ טיפֿער געהענעם ווערט.

דער גאַנצער געהענעם —
אַ ברונעם די גרוים;
פֿון דעם בלאַטיקן בלוט,
שרעקט אַ קאָפּ אַרוים.

העכער — אַף אַ שימלדיק ברעט,
וויגט זיך אַ שימלדיק קינד —
אַ קאָל ווי צום טהוים עפּעס רעדט,
דער ברונעם איז טויב און בלינד.

ברענענדיק שטעטל

גיך איז דאָס שטאַרקע שטעטל,
דעם געהענעם באַפאַלן:
מיט טוירעס, מיט שטריק, מיט הינט,
מיט פערד פון אַלע שטאַלן.

פלינק און פלינקער, אַף די שטריק אַראָפּ —
דער ברונעם שלאָגט מיט שטיקער ווענט.
בומע שטאַרט מיט פלוצלונג גרויען צאָפּ,
זי האָט דער זון אַזש ניט דערקענט.

און בלומקען אויך האָט מען געפונען,
נאָר איצט איז זי — אַ בלויער מעם;
מיט אויגן פון נעץ צעגעסן,
גרוילט זי דעם גרוילנדיקן ברונעם.

איר בלוט האָט דעם כוישעך געליכטיקט,
אירע וויעס האָט דער פראָסט פאַרקלעפּט.
פאַר די בלאָנדע, וואַנזיניקע צעפּ —
האָט פעטרושקע איר פון טיף געשלעפּט.

פיר טעג זיינען געווען דאָ
איין לאַנגע, לאַנגע נאַכט,
האָט די פינצטערניש — אַ קראָ,
אַזאַ וועלט אויסגעטראַכט:

אַ האַמער בויט און בויט
זיך בלינדע היילן.
אַ מעסער הייסט דעם טויט
אַליין זיך קוילען.

אַ ניט־געבאָרענער,
האַלט ניט־אויסגעוויינטע טרערן
און זעט דורך יעדער טרער,
פון וואָס איבערמאָרגנס קלערן.

וואָסער וואונדער האָט זיי פאַרפירט,
האָט בומע — אַליין פאַרגעסן.
זי ווייס אַז לענגער נאָך פון צייט,
איז אין האַרץ דער טויט געזעסן.

און ווען דער קרישלדיקער ברונעם,
האָט גענומען — קופּעם יאָרן שיטן,
האָט בומע הענט מיט הענט פאַרבונדן
און מיט בלומקען אַף אַ ברעט געריטן.

אַז דאָס מידע ברעטל
האָט געמוזט זיך שפּאַלטן,
האָט דאַן בומע — בלומקען
אַף אַ פּוס געהאַלטן.

אָבער די געטרייע פּוס
האָט ניט געקענט לאַנג דינען;
אַף די אויגן — דורך די האָר,
געפּוילעט האָבן שפּינען.

און ווייל געוואוסט האָט בומע זיכער,
אַז אַלץ איז שוין צו שפּעט — צו שפּעט,
האָט זי געהאַלדזט איר גיך און גיכער
און פרום צו איר אַזוי גערעדט:

גיי בלומעלע, בלומעלע גיי,
אין אַט דעם קאַלטן, בלינדן גרונט —
וועסט דאָ פאַרבלוטיקן דעם שניי,
אין הימל זאָלסטו זיין געזונט.

און באַלד, אוי, גוטע בלומעלע באַלד,
וועל איך צו דיר אויך קומען! קומען!
מיר וועלן נאָך שפּאַצירן אין וואַלד
און קלייבן שטערן — אָנשטאָט בלומען.

אַף אַ ווײַלע לאָמיר זיך געזעגענען.
אויך דאָ אין טהום איז גאָט פאַראַנען.
גאָט איז גיכער פון אַלע באַנען.
מיר וועלן אין הימל זיך באַגעגענען.

מיט אַזויפיל פראָסט און מיט אַזויפיל שיידים,
ווי לאַנג קען איך דאָ אַף דעם ברעטל שטיין?

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער טויטער ברונעם האָט דערלעבט אַ לעצטן קוש.
דער פוסטקייט האָט צעפליקט — אַ לעצט געוויין.

אַף אַט — אַזאַ ווײַלינקע
האָבן די קינדער זיך געזעגנט,
נאָר אין הימלשן וואַלד
זיך קײנמאָל, קײנמאָל ניט באַגעגנט.

אוי, יאָרן, יאָרן — שוואַרצע פֿייגל,
זײַנען ווײַט אַזוי פֿאַרפֿלויגן.
בומע איבער באָבעדיקע טעג,
זיצט שוין געל און אײַנגעבויגן.

אין די פּרעסט פון מיטן שוואַט,
קומט זי נאָך אַף בלומקעס קײוועך קלאָגן
און קלאָגט אַזוי נאַכט נאָך נאַכט,
ביז דער אַלטער קײוועך הויבט אָן טאָגן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די קינדער הערן,
צו דער פֿאַרענדיקטער מאַיסעלע זיך אַלץ נאָך אײַן;
אַ לעצטער שטערן
פֿרירט אָוועק — און ס'רופֿט אין וועג אַ פֿאַרטאָגיקער שײַן.

עלציק

עלציק קלערט:
צי בין איך איינער פון דעם מענטשן-מין געבליבן?
צי איז די וועלט געשטאָרבן
און מיר אַליין באַשערט —
פאַר דעם זינד פון אַלע דורעס צו לעבן?
און עפשער,
האָט שוין ווער צו קוואורע מיך געבראַכט
און מיר כאַלעמט זיך אַזוי — די וועלט אין קייווער?

ער וואָגלט — אַ קאַשמאַר דורך קאָפּהאַקאַל.
ער פּרוּאווט אַ גליד זיך אַ רים טאָן,
קעדהעי פרעגן, זיך אַליין, צי ער לעבט —
אַ רויטער שטראָם דערפרישט — זיין שטויביק לייב.
ער שרייט דעם שרייענדיקן ווינט אַריבער,
ווי ס'וואָלט פלוצלונג שלאָגן אים יעדער שטיין:
איך לעב — — — — — — — — — — — איך לעב!
און ווי מיט אַ פרעמדן קאָל,
ברענגט דער ווייטער הילך נאָענטע ווערטער:
מאַמע, בערקע, מענטקע, בלומקע, יעיסקע.
און דווערקע?
זי לויכט אויף קעגן אים מיט אַ צעשראָקענעם שמייכל:
— אוי, עלינקע, עַל-ציק-ציק-ציק,
פאַר דיר —
די בלויע בלימעלעך — אין מיינע בלאָנדע צעפּ;
פאַר דיר —
דעם רויען דופט פון מיינע פופצן אַפּרילן.

ע ל צ י ק

עלציק — דער לעצטער מענטש,
איז דער קעניג און דער בעטלער פון „בואוויץ״.
ער פאַרנעמט אַ בלאָנדזשענדיקן קלאָגן;
פון די פוסטע שייערס רוישט אַ ליידיקייט אַרויס,
ווי ס׳וואָלט זיי ווער — פאַר געוויין געבויט.

אַרום אים —
שוועבן שטיקער שיימעס,
מיט פאַרגעלטע זונפאַרגאַנגען אין יעדן אָס.
די שיימעס ברעכן זיך און הויבן זיך אין ווינט,
ווי זוכנדיק זייער פאַרשוואונדענעם גאָט.

פון כאָרעוון בייסמעדרעש פלאַטערן די שיימעס
און געפינען זייער וועג צוריק,
דורך די צעהאַקטע, גרינע שויבן
און לייגן זיך ווי לאַטעס אויף די צעלעכערטע לוכעס.

די שטומע שיימעס זיינען אליין מיספּאַלעל:
אוי, געשטראָפטער גאָט,
זאָל כאָטש עלציק — דער לעצטער מענטש,
אין אונדזער בייזן כאָלעם בלייבן.

בואוויץ איז בלינדער געוואָרן,
נאָר קיין איינציק אויג איז ניטאָ —
וואָס זאָל די בלינדקייט זען.
די כורוועס זיינען טויבער געוואָרן,
נאָר קיין איינציק אויער איז ניטאָ —
וואָס זאָל דער טויבקייט הערן.

אַפילע דער מאַלעך־האַמאָוועס בלאָנקט דאָ איבעריק
און ברעכט פאַר לאַנגווייל די הוילע צווייגן,
און רעוועט סטאַם אַזוי אין ווינטיקן פראָסט:
ווײ! ווײ!
ניטאָ קיין קאָפּ, קיין פּוס, קיין צאָן,
ניטאָ אין וואָס זיך איינצוגריזשען;
ניטאָ קיין סלופּ, קיין גאַנצער דאַך,
קיין גאַנצע ביימער אויסצופליקן,
כאָטש באַפאַל הֶעם אייגענעם געביין.

שניי.
פרישער בלענד האט דעם עלנט צעשיינט.
אזויפיל ליכטיקע שרעק אין באדאנעס אויגן,
אזויפיל אומרו אין די מידע גלידער.
זי שמעקט מיט שטויב פון וויאנענדיקע וועגן.
ארום איר, די קינדער — אויסטערליש־אלט.

קעגן באדאנען,
קוקט די שטילקייט — לעוואנעדיק און בייז
און ס׳בליצט דער אומשולדיקער שניי,
ווי מארד אין די אויגן פון א גאזלען.
אפילע קיין געוויין פון איר עלינקען איז ניט געבליבן.
קיין איינציקער נאגל אין ערגעץ ניט פארוואלגערט.
קיין איינציקע וואונד צו ווייזן זיין פיין.

בלומקע צעיאמערט די ווארנדיקע רו.
פאר מענטקען איז בואוויץ — דער טויער פון געהענעם;
אפילע יעיסקע —דער אומבאזיגבארער „העלד”,
האט פאר אזויפיל אומקום זיך דערקלערט באזיגט.

פאזע בייסוילעם פון בואוויץ,
שארן זיך פיר שאטנדיקע מענטשן,
ווי זיי וואלטן פלוצלונג פון די קווארים זיך אויפגעכאפט
און אין איילעניש די לייבער פארגעסן.

ברענענדיק שטעטל

א פאַרשנייטע שטוב — הינטער בואוויץ.
בא דער פאַרדעכטיקער טיר,
יאָגט א וועכטער דעם פראָסט —
שלאָגנדיק אַן אָרעם אָן אָרעם.

וואָס אָדער וועמען היט דער וועכטער?
מענטקע וויים:
מען היט די פוסטע שטוב,
די שיידים פון בואוויץ זאָלן ניט באַפאַלן.
ער פירט אַן אויג דורך א שפּאַרע —
אינעווייניק די ווענט כאַלעמען פון פענצטער,
ווי ס׳כאָלעמט א בלינדער פון אויגן.

באַדאַנען האַלט דער אָטעם,
ווי ס׳וואָלטן נעגל איר געוואָרגן.
א געקרוך פון באַרמענעם פאַרטרויט איר,
אַז מאַכנעם מייסים היט דער וועכטער,
מען זאָל זיי אַהיים — אין בייסוילעם ניט פאַרנאַרן,
ווייל פאַרטאָג — קענן גרויסער שלאַכט,
וועט מען פון די מייסים שטעלן באַריקאַדן;
און גיך ווערט זי געוואָר,
אַז דאָ איז אויך עלינקע — א ציגל פאַר באַריקאַדן.

אַז דעם וועכטער איז אַ דרימל באַפאַלן,
האָט ער אין כּאַלעם געבויט די העכסטע מייסים־ווענט,
דאָס ליכט פון אייביקייט צו פאַרשטעלן.
ער גיט אַ באַפעל
און גאָט ווערט אין צויבער צערונען,
און ער אַליין ווערט — גאָט;
ער גיט אַ באַפעל
און ס׳קערן וועלדער זיך איבער,
דער הימל ווערט — ערד און די ערד ווערט — הימל.

דעם וועכטערס כּאַלעם פּלאַצט — אַ פוילנדיקער בלאַטער.
ער כאַפּט זיך אויף — דער גאָט איבער אַלע געטער.
פּלוצלונג, זעט ער די מייסים זיך רירן.
איין מעם דעם אַנדערן צאַרט אַזוי גלעט
און גלעט דעם פּאַכאַד פון לייב אַרוים —
און מורמלט:
— עלינקע שטיי אויף,
שטיי אויף מיין קינד,
אויב אפילע דו ביסט טויט.
דער טאַטע האָלט אַמעריקע שוין גרייט,
מיט אָט — אַזויפיל:
גליק.

באַדאַנע נעמט עלינקען פאַר די שטייפע הענט ;
מענטקע פאַר אַ פּוס, בלומקע פאַר אַ פּוס,
און יעיסקע — פאַר דעם בלאָנדן קאָפּ,
ווי אַלעמאַל, פאַראויס —
דורך נאַכט, דורך פראָסט און דורך וואַלד :
מ־מ־מען מוז מיט ע—לינ—קען פון ג־ג־גע־הענעם אַנטלויפן,
וועט ער שוין ל־ל־לעבן,
ער וועט שוין מוזן לעבן־לעבן־לעבן.

פון ווייט היט דער וועכטער,
ווי פיר טויטע גאַנאָווים,
איילן דורך דעם באַנאַכטיקן וואַלד :
קיין מיכאַלישעק, קיין מיכאַלישעק.
אין זייערע לעוואָנעדיקע הענט,
וויגט זיך דער געגאַנוועטער מעס — אַ לעבעדיקער מולטער.

שרעק ווערט — פראָסט און פראָסט ווערט — שרעק,
און ביידע איז דער וועכטער אליין.

וויפל יאָמער קען די שטילקייט פאַרבאָרגן,
וויפל שוואַרצקייט קען די פינצטערניש זען,
וויפל טרויער קען הער טרויערן,
האָט באַדאַנע געוויזן מיט הילפלאָזע הענט —
איבער עלינקעם קייווער פאַרבראָכן.

צוריק אין סווינציאַן.
אין פאַרשטומטן העקדעש,
מאָנט אַ זוניקע גוטסקייט דעם מעטורעפּס קלאָלעם.
לעם קלויסטער,
בעט זיך די איינזאַמע געטשקע אַ פרייליכן שטיין —
פעלט אָבער מעישקע־זשוליק די באַקאָשע צו דערלאַנגען.

באַדאַנע האָט דאָ בערקען געפונען — אַ טראַנטעדיקן דאָרן:
אַ פאַרגרינטע כמאַרע — אָף העלע, פרילינגדיקע בלאָטעם
און עפּעם באַלבעט ער מיט אַזאַ קוואַקעדיק געוויין,
ווי ס'וואָלט דער רואָך פון אַ זשאַבע אין אים אַריין.
זיינען איצט שוין אַלע דאָ:
בערקע, מענטקע, בלומקע, יעיסקע,
אַפילע עלינקעם ניט־זיין, איז אויך מיט אַלעמען דאָ.

באַדאַנעם האָט קען איצט אַזויפיל ליבן:
— קינדערלעך, ווער קען טרעפן,
וויפל פרייד דאָס האַרץ קען האַלטן?
וויפל יאָם, קען זיך שפּיגלען, אין איין זוניק וואָרט?

זי ווייזט די קינדער,
דורך דעם טאַטנס בריוו, ווי דורך אַ שפּאַקטיוו:
אַמעריקע — — — — — — — — — — — אַמעריקע!
אַ—מע—רי—קע!

אונטער דעם מאַזלדיקן ראַבינע־בוים,
וואָס האָט אַלע שלאַכטן אָפּגעענאַרט,
זיצט יעיסקע: זעקס פאַרטריקנטע פרילינגס
און הערט ווי מענטקע אַזוי אומעטיק פאַרטרויט:
— יעיסינקע, מיר זיינען ניט קיין ברידער.
דיין מאַמען האָט אַ שלאַכטפעלד צוגענומען.
אין אירע טויטע אָרעמס פאַרקלעמט,
האָבן מיר באַס שיין פון קאַנאָנען דיך געפונען.
מיר זיינען ניט קיין ברידער, יעיסינקע.
מיר זיינען מער, אוי, מער ווי ברידער.
מיר זיינען טויזנט מאָל ברידער.

יעיסקע קרימט די קלוגע קנייטשן אַפּן קינדישן שטערן
און צעקלינגט זיך מיט אַזאַ געוויין,
אַז עס קישעפּט דעם „העלד״ פון אים אַרויס.
איבער אים פלאַמט דער ראַבינע־בוים,
ווי דאָס פאַרוואַלגערטע בלוט פון זיין מאַמען —
ער הערט איר קאָל אין די אומרואיקע בלעטער;
גאָט שפּילט זיך גלייכגילטיק מיט דעם פלאַפּלענדיקן בוים,
ווי ער וואָלט פון זיינע טרערן געשפּאָט.

יאָר — טויזנט-ניין-הונדערט-צוואַנציק.
אַ פור פויזעט קיין ווילנע.
אַרום, פּרואווט פייער — לעשן פייער,
כאָטש ערגעץ זאָגט מען,
רוען שוין די מידע שווערדן אין די שיידן.

בערקע שרעקט בלומקען,
אַז ס'וועט די פֿאַדלע ניט דערשלאָפן ביז אַמעריקע.
באַדאַנע הילכט מיט ליכטיקן געלעכטער.
מענטקע און יעיסקע פון איין בענקשאַפט געפירט,
טראָגן זיך אַף אַן אויסגעקלערטן שטערן
און טרוימען אוים אַזאַ מאַזל, וואָס באַשערט עמעסע ברידער.

דער בייטש טאַנצט אין דעם פורמאַנס האַנט
און שניידט אַ שטויב אַרוים פון דער באָבעדיקער קליאַטשע.
פון יענער זייט באַרג,
האָבן די קינדער מיט אַ לעצטן בליק,
אַזש קיין אַמעריקע — פאַרפירט סווינציאַן.

▼▼▼

אויב איך וועל ניט זיין קיין זיידע,
ווען ס'וועט מיין אייניקל די וועלט דערזען —
וועט אים אַ זונפאַרגאַנג דערמאָנען,
אַז איך בין אַמאָל געווען.

לאָכן וועט מיין אייניקל מיסטאָמע,
העלער פון מיינע קינדער —
איבער ברוך פון צעשמעטערטע צאַמען,
וועט ער עפענען דער וועלטס וואונדער.

ווען ס'וועט די ערד — מיין הימל פאַרהילן,
וועט דער מאָרגן באַהעפטן אונדז ביידן —
איז אויב איך וועל ניט זיין קיין זיידע,
לאָמיר קינד, אין אַמאָל און איצט, זיך שפּילן:

דו — ווי אַ בליץ, אין פינצטערניש באַהאַלט זיך,
איך וועל דיך אין זיבערהע מאָרגנס געפינען;
און מיך — זוך אין אַ בוך אַן אַלטן,
וועסט דורך שטערן און דורך פייער מיך געפינען.

און אַ מאַיסע וועל איך דיר דערציילן —
פון אַזאַ צייט,
ווען מען האָט דעם טויט געקענט אַזש ליבן.
אַ מאַיסע וועל איך דיר דערציילן,
פון אַזאַ סרייפע ווען פייגל ברענען אין פליען,
ווען קאָכיקע יאַמען — די גרונטן בריען;
פון אַזאַ סרייפע,
וואָס קען די ווייטסטע יאָרן פאַרצערן
און עפשער וועסטו, אַ, מאָרגנדיק אייניקל,
דעם אַש נאָך קערן.

פון אונדזער פיין האָבן מיר לאָווע אויסגעשלאָגן
און פאַר דיר געלאָזן,
אונדזער טויט — אַזאַ ליכטיקן זיג:
דעם לעצטן שאָטן פון נעכטן צו פאַריאָגן.